שטעמפּעל פון לעבען, לעבען אויף דער וועלט און לעבען אויף יענער וועלט? — — —

ד

אין פּלוצלינג זעהען מיר אויף איינמאָל, ווי די דאָזיגע זון פון לעבען ווערט שטאַרק פערדונקעלט דורך צוויי שוואַרצע וואָלקענס, וואָס שטייגען אויף פונ׳ם תהום פון יאוש און פערצווייפלונג אין די געשטאַלטען פון איוב און קהלת. מיט איינמאָל דוכט זיך אונז, אַז אַ גאַנצער בנין, אין וועלכען מיר האָבען געגלויבט צו געפינען לעבען און גליק, האָפנונג און פרייד, הייבט אָן צו וואַקלען. פון איין זייט זעהען מיר, ווי דער מלאך פון טויט שטרעקט אויס זיין גרויזאַמע האַנד, פול יסורים און פּיין, און שוין ברעכט אויס אַ שטורם, אַ מורא׳דיגער און ס׳שאָקלען זיך די ווענד און אין דעם געשריי פון פערצווייפלונג הערען מיר ווערטער, וואָס קלינגען ווי כפירה, וואָס פערשעלטען די בריאה אַלס מקור פון אַדאָס שלעכטס, פון לויטער סתירות; פון גלייכגילטיגקייט אָהן שיעור און אָהן סוף. און דער לעצטער געשריי, וואָס קלינגט ווי אַ האַלבער משפט אויף די וועלט און אויפ׳ן לעבען, וואָס צו שטעטערט בערג און טאָלען אין זיין אומענדליכער טראַגישקייט, הייסט: מיין טויט איז מיר ליבער פאַר מיין לעבען!

אין פון דער אַנדערער זייט: דערנענטערט זיך צו אונז דער מלאך פון יאוש, אַלט און אָנגעזעטיגט. אויף זיינע ליפּען אַ ביטערער שמייכעל, פול סאַרקאַזם; אויף זיינע פּלייצעס אַ באַרג ערפאַהרונגען, אונטער זיינע הענד אַ זאַק מיט פערשי־מעלט און פערדאַרט לעבען. און ער דערצעהלט אונז חוזק און געלעכטער, אָהן שום לייַדענשאַפט, אַז זיין האַרץ האָט אַלץ אין דער וועלט נאָכגעפאָרשט און אַלץ איז פול מיט חסרונות, גישט צו פערבעסערען; וואָס מעהר חכמה וואָס מעהר צאָרן, וואָס מעהר קענטעניש, וואָס מעהר לײַדען; פערהאַסט איז איהם געוואָרען דאָס לעבען, ווייל אַלע מעשים אונטער דער זון האָבען אויף איהם שלעכט געווירקט; גליקליכער זענען טויט זיין מיינונג, די טויטע, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָר־בען, פאַר די לעבעדיגע, וואָס לעבען נאָך יעצט א.א.וו. א.א.וו. און פאַר אונזערע אויגען ציהט זיך אַדורך אַ לאַנגע און גראָבע קייט, דורכגעפלאָכטען מיט רעטענישען, פּאַראַדאָקסען, אומגע־רעכטיגקייטען, קאָמישע און טראַגישע דערשיינונגען, און זיין משפט אויף דער וועלט און אויפ׳ן לעבען, וואָס ווירקט ווי קאַלט וואַסער איפּן פלאַקערדיגן פייער פון דער לײדנ־שאַפט, הייסט: אַלץ אין דער וועלט איז נור פוסטע נאַרישקייטען!

דער יאוש פון קהלת און די פערצווייפלונג פון איוב — זענען זיי נישט די גרעסטע סתירות צום היסטאָרישען יודענטום; צום אייביג־נייען, אייביג־פרישען, אייביג־לעבעדיגען יודענטום? שטעהען זיי נישט אינ׳ם פולסטען געגענזאַץ צום שפּראָצינגען יידישען לעבען, איבער וועלכען דער מלאך פון האָפנונג, בטחון, פרייד, גליק שפּרייט תמיד אויס זיינע פליגעלען, בכדי עס צו באַשיצען מיט דער קראַפט פון דער איי־ביגקייט?

(המשך קומט)

יחיאל פיינער.

# אקאַרדען

## וואָס שאַדט מיר...

איך בין נישט קיין דיכטער, איך בין נישט קיין פּאָעט
וואָס שאַדט מיר מען רופט מיך, וואָס שאַדט מיר מען רעדט.
איך בין נאָר געבוירען מיט אַ פינסטער צוּבראָכען געמיט
און ווען ס׳פיינגט מיר אַ וועהטאָג, רייסט אַרויס זיך אַ ליעד...
איך בין נישט קיין דיכטער, איך בין נישט קיין פּאָעט
וואָס שאַדט מיר מען רופט מיך, וואָס שאַדט מיר מען רעדט.

## גלויבט נישט...

גלויבט נישט די דיכטער, וואָס לעבען אין וואוילטאָג
און דערצעהלען פאַר יענעם זייער צער און וועהטאָג
גלויבט נישט די פּאָעטען, וואָס זינגען פון פריידען.
און רעדען אין דער וועלט, — „ס׳איז בעהאַלטענע ליידען״
גלויבט נאָר דעם איינזאַמען, וואָס וויינט אויף בעגעהרען
פלאַפּעלט... און פלאַפּעלט... ווייל ס׳שטיקען איהם די טרעהרען.

## מיין האַרץ

איך פערמאָג נישט אַ האַרץ, ווי אַ צווייטער, אַ דריטער
מיין האַרץ איז מיר אַ חבר, אַ הייס געליבטער,
אַנשטאָט קוּבים פרייען, אַדער אַ ברידער, אַ גוטער —
האָב איך אַ האַרץ וואָס איז אָן צרות, אַ געניטער.
איך ליעב עס מיין האַרץ, מיר ליעבען זיך אַלע ביידען,
פרעג איך עס אַמאָל: ווי לאַנג נאָך וועלען מיר ליידען?
ענטפערט מיין האַרץ מיר (עס קאָן אויך רעדען):
— נישטאָ חבר, פאַר אונזערטוועגען קיין פריידען.

יד. א גוטער מאָטיוו.

די הייליגע ברידער, דער רבי ר׳ אלימלך מיטן רבי ר׳ זושא ז״ל בעת׳ן אָפּריכטען גלות האָבען ווילענדיג אין לודמיר געפלעגט איינשטיין ביי אַ געוויסען חסיד ר׳ ארון. ווען זיי זענען נתגלה געוואָרען און זענען ס׳ערשטע מאָל געקומען קיין לודמיר, שוין נישט אַזוי, ווי פריהער געהענדיג צופוס, נאָר פאַהרענדיג אין אַ פּרעכטיגע קאַטש געשפּאַנט אין צוויי פערד, איז דער גביר פון שטאָדט זיי אַקעגענגעפאָהרען און איינגע־לאַדען איינצושטיין ביי איהם.

די הייליגע ברידער ז״ל האָבען איהם גלייך ענטזאָגט, זאָגענדיג דערביי דעם מאָטיוו: מיר זענען דאָך דיזעלבע מענשען וואָס פריהער, וועלכע איך איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלען איינצולאַדען נאָר וואָס דען בעווייגט אייך דערצו? די קאַטש מיט די פערד? אויב איהר ווילט קענען זיי איינ־שטעלן ביי אייך...

טו. כל זמן דאָס ליכטעל ברענט...

דער רבי ר׳ אלימלך ז״ל האָט געפלעגט זאָגען, אַז ער האָט אין זיין עבודות פיעל געלערענט פון זיינס אַ שכן. אַ אָרימער קירזשנער מיט׳ן זעלבען נאָמען: אלימלך. דער קירזש־נער האָט דאָנערשטאָג שפּעט ביינאַכט געאַרבייט ביי אַ צאַנקענ־דיג ליכטעל, ביז וועלכען דאָס ווייב האָט איהם כסדר געמו־טיגט מיט די ווערטער: „מלך! מלך! פערריכט דאָס פעלצעל כל זמן ס׳ליכטעל ברענט נאָך. ווייל ווען עס וועט אויסגעהן וועסטו דאָך גאָרנישט האָבען״ און דער רבי ז״ל האָט געפלעגט צו זיך זאָגען: מלך! מלך! פערריכט דאָס פעלצעל (חומר) כל זמן ס׳ליכטעל (נשמה) ברענט נאָך, ווייל ווען עס וועט אויס־געהן, וועסטו דאָך גאָרנישט האָבען...

טז. א היכטיגע אנטוואָרט.

דער רבי ר׳ יונתן ז״ל האָט אַמאָל — געהענדיג אין בית המדרש אַריין — זיך געטראָפען מיטן פּירשט פון שטאָדט, וועלכער האָט איהם געפרעגט וואוהין ער געהט.

כ׳ווייס נישט? — האָט ער געענטפערט.

דער פירשט האָט אָנגענומען די תשובה פאַר אַ גרינגשעצונג און איהם גלייך געהייסען איינזעצען אין תפיסה אַריין.